דעם איין שעפּס. 41 און דעם צווייטן שעפּס זאָלסטו מאַכן
קעגן אָוונט; אַזוי ווי דאָס שפּייזאָפּפער פון אין דער פרי,
און אַזוי ווי זיין גיסאָפּפער, זאָלסטו מאַכן צו אים, פאַר
אַ געשמאַקן ריח, אַ פייעראָפּפער צו גאָט. 42 אַ שטענדיק
בראַנדאָפּפער אויף אַייערע דור־דורות, ביים אַיינגאַנג
פון אוהל־מועד, פאַר גאָט, וואָס דאָרטן וועל איך זיך
אַנטפּלעקן צו אַייך, דאָרטן צו רעדן צו דיר. 43 און איך
וועל זיך דאָרטן אַנטפּלעקן צו די קינדער פון ישראל,
און עס וועט געהייליקט ווערן מיט מיין פּראַכט. 44 און
איך וועל הייליקן דעם אוהל־מועד, און דעם מזבח; און
אַהרנען און זיינע זין וועל איך הייליקן צו זיין כּהנים צו
מיר. 45 און איך וועל רוען צווישן די קינדער פון ישראל,
און וועל זיי זיין צום גאָט. 46 און זיי וועלן וויסן, אַז איך
בין יהוה זייער גאָט, וואָס האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד
מִצרַיִם, כּדי איך זאָל רוען צווישן זיי. איך בין יהוה זייער
גאָט.

ל 1 און זאָלסט מאַכן אַ מזבח פאַר רייכערונג פון ווייַ־
רויך; פון שִטים־האָלץ זאָלסטו אים מאַכן. 2 אַן
אייל זיין לענג, און אַן אייל זיין ברייט; פירעקעכדיק
זאָל ער זיין, און צוויי איילן זיין הייך; פון אים גופא זאָלן
זיין זיינע הערנער. 3 און זאָלסט אים איבערציען מיט
ריינעם גאָלד, זיין אויבערדעק, און זיינע ווענט רונד אַרום,
און זיינע הערנער; און זאָלסט מאַכן צו אים אַ גילדערנעם קראַנץ רונד אַרום. 4 און צוויי גילדערנע רינגען זאָלסטו
מאַכן צו אים אונטער זיין קראַנץ; אויף זיינע צוויי פלאַנקען זאָלסטו זיי מאַכן–אויף זיינע צוויי זייטן, און זיי
זאָלן זיין פאַר אויערן פאַר די שטאַנגען, אים צו טראָגן אויף זיי. 5 און זאָלסט מאַכן די שטאַנגען פון שִטים־
האָלץ, און זיי איבערציען מיט גאָלד. 6 און זאָלסט אים אַוועקשטעלן פאַר דעם פּרוֹכֶת וואָס פאַר דעם אָרון פון גע־
זעץ, פאַר דעם דעק וואָס איבער דעם געזעץ, וואָס דאָרטן וועל איך זיך אַנטפּלעקן צו דיר. 7 און אַהרן זאָל רייכערן
אויף אים ווייַרויך פון שמעקעדיקע געווירצן; פרימאָרגן אין פרימאָרגן, ווען ער מאַכט צורעכט די רערלעך, זאָל ער
עס רייכערן. 8 און ווען אַהרן צינדט אָן די רערלעך קעגן אָוונט, זאָל ער עס רייכערן; אַ שטענדיקן ווייַרויך פאַר
גאָט אויף אַייערע דור־דורות. 9 איר זאָלט ניט אויפברענגען אויף אים פרעמדן ווייַרויך, אָדער אַ בראַנדאָפּפער און
אַ שפּייזאָפּפער; און אַ גיסאָפּפער זאָלט איר ניט גיסן אויף אים. 10 און אַהרן זאָל מכפּר זיין אויף זיינע הערנער איין
מאָל אין יאָר; מיט דעם בלוט פון דעם זינדאָפּפער פון פאַרגעבונג זאָל ער איין מאָל אין יאָר מכפּר זיין אויף אים,
אויף אַייערע דור־דורות; אַ הייליקסטע הייליקייט איז ער צו גאָט.

מא יַיִן לַכֶּבֶשׂ הָאֶחָד׃ וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם
כְּמִנְחַת הַבֹּקֶר וּכְנִסְכָּהּ תַּעֲשֶׂה־לָּהּ לְרֵיחַ נִיחֹחַ אִשֶּׁה
מב לַיהוָה׃ עֹלַת תָּמִיד לְדֹרֹתֵיכֶם פֶּתַח אֹהֶל־מוֹעֵד לִפְנֵי
מג יְהוָה אֲשֶׁר אִוָּעֵד לָכֶם שָׁמָּה לְדַבֵּר אֵלֶיךָ שָׁם׃ וְנֹעַדְתִּי
מד שָׁמָּה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל וְנִקְדַּשׁ בִּכְבֹדִי׃ וְקִדַּשְׁתִּי אֶת־אֹהֶל
מוֹעֵד וְאֶת־הַמִּזְבֵּחַ וְאֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו אֲקַדֵּשׁ לְכַהֵן
מה לִי׃ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְהָיִיתִי לָהֶם לֵאלֹהִים׃
מו וְיָדְעוּ כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֹתָם מֵאֶרֶץ
מִצְרַיִם לְשָׁכְנִי בְתוֹכָם אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם׃ פ

ל

שב' וְעָשִׂיתָ מִזְבֵּחַ מִקְטַר קְטֹרֶת עֲצֵי שִׁטִּים תַּעֲשֶׂה אֹתוֹ׃
ב אַמָּה אָרְכּוֹ וְאַמָּה רָחְבּוֹ רָבוּעַ יִהְיֶה וְאַמָּתַיִם קֹמָתוֹ
ג מִמֶּנּוּ קַרְנֹתָיו׃ וְצִפִּיתָ אֹתוֹ זָהָב טָהוֹר אֶת־גַּגּוֹ וְאֶת־
קִירֹתָיו סָבִיב וְאֶת־קַרְנֹתָיו וְעָשִׂיתָ לּוֹ זֵר זָהָב סָבִיב׃
ד וּשְׁתֵּי טַבְּעֹת זָהָב תַּעֲשֶׂה־לּוֹ ׀ מִתַּחַת לְזֵרוֹ עַל שְׁתֵּי
צַלְעֹתָיו תַּעֲשֶׂה עַל־שְׁנֵי צִדָּיו וְהָיָה לְבָתִּים לְבַדִּים לָשֵׂאת
ה אֹתוֹ בָּהֵמָּה׃ וְעָשִׂיתָ אֶת־הַבַּדִּים עֲצֵי שִׁטִּים וְצִפִּיתָ אֹתָם
ו זָהָב׃ וְנָתַתָּה אֹתוֹ לִפְנֵי הַפָּרֹכֶת אֲשֶׁר עַל־אֲרֹן הָעֵדֻת לִפְנֵי
ז הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל־הָעֵדֻת אֲשֶׁר אִוָּעֵד לְךָ שָׁמָּה׃ וְהִקְטִיר
עָלָיו אַהֲרֹן קְטֹרֶת סַמִּים בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר בְּהֵיטִיבוֹ אֶת־הַנֵּרֹת
מפ' יַקְטִירֶנָּה׃ וּבְהַעֲלֹת אַהֲרֹן אֶת־הַנֵּרֹת בֵּין הָעַרְבַּיִם יַקְטִירֶנָּה
ט קְטֹרֶת תָּמִיד לִפְנֵי יְהוָה לְדֹרֹתֵיכֶם׃ לֹא־תַעֲלוּ עָלָיו קְטֹרֶת
י זָרָה וְעֹלָה וּמִנְחָה וְנֵסֶךְ לֹא תִסְּכוּ עָלָיו׃ וְכִפֶּר אַהֲרֹן עַל־
קַרְנֹתָיו אַחַת בַּשָּׁנָה מִדַּם חַטַּאת הַכִּפֻּרִים אַחַת בַּשָּׁנָה
יְכַפֵּר עָלָיו לְדֹרֹתֵיכֶם קֹדֶשׁ־קָדָשִׁים הוּא לַיהוָה׃ פ

# כִּי תִשָּׂא

11 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:
12 אַז דו וועסט אויפנעמען דעם מספּר פון די קינדער

יא יב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ כִּי תִשָּׂא אֶת־רֹאשׁ בְּנֵי־

יִשְׂרָאֵל לִפְקֻדֵיהֶם וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַידוָה בִּפְקֹד
אֹתָם וְלֹא־יִהְיֶה בָהֶם נֶגֶף בִּפְקֹד אֹתָם׃ זֶה ׀ יִתְּנוּ כָּל־ יג
הָעֹבֵר עַל־הַפְּקֻדִים מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ עֶשְׂרִים
גֵּרָה הַשֶּׁקֶל מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל תְּרוּמָה לַידוָה׃ כֹּל הָעֹבֵר יד
עַל־הַפְּקֻדִים מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמָעְלָה יִתֵּן תְּרוּמַת יְדוָה׃
הֶעָשִׁיר לֹא־יַרְבֶּה וְהַדַּל לֹא יַמְעִיט מִמַּחֲצִית הַשָּׁקֶל טו
לָתֵת אֶת־תְּרוּמַת יְדוָה לְכַפֵּר עַל־נַפְשֹׁתֵיכֶם׃ וְלָקַחְתָּ אֶת־ טז
כֶּסֶף הַכִּפֻּרִים מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְנָתַתָּ אֹתוֹ עַל־עֲבֹדַת
אֹהֶל מוֹעֵד וְהָיָה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לְזִכָּרוֹן לִפְנֵי יְדוָה לְכַפֵּר
עַל־נַפְשֹׁתֵיכֶם׃ פ
וַיְדַבֵּר יְדוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ וְעָשִׂיתָ כִּיּוֹר נְחֹשֶׁת וְכַנּוֹ יז יח
נְחֹשֶׁת לְרָחְצָה וְנָתַתָּ אֹתוֹ בֵּין־אֹהֶל מוֹעֵד וּבֵין הַמִּזְבֵּחַ
וְנָתַתָּ שָׁמָּה מָיִם׃ וְרָחֲצוּ אַהֲרֹן וּבָנָיו מִמֶּנּוּ אֶת־יְדֵיהֶם יט
וְאֶת־רַגְלֵיהֶם׃ בְּבֹאָם אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד יִרְחֲצוּ־מַיִם וְלֹא כ
יָמֻתוּ אוֹ בְגִשְׁתָּם אֶל־הַמִּזְבֵּחַ לְשָׁרֵת לְהַקְטִיר אִשֶּׁה
לַידוָה׃ וְרָחֲצוּ יְדֵיהֶם וְרַגְלֵיהֶם וְלֹא יָמֻתוּ וְהָיְתָה לָהֶם כא
חָק־עוֹלָם לוֹ וּלְזַרְעוֹ לְדֹרֹתָם׃ פ
וַיְדַבֵּר יְדוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ וְאַתָּה קַח־לְךָ בְּשָׂמִים כב כג
רֹאשׁ מָר־דְּרוֹר חֲמֵשׁ מֵאוֹת וְקִנְּמָן־בֶּשֶׂם מַחֲצִיתוֹ חֲמִשִּׁים
וּמָאתָיִם וּקְנֵה־בֹשֶׂם חֲמִשִּׁים וּמָאתָיִם׃ וְקִדָּה חֲמֵשׁ כד
מֵאוֹת בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ וְשֶׁמֶן זַיִת הִין׃ וְעָשִׂיתָ אֹתוֹ שֶׁמֶן כה
מִשְׁחַת־קֹדֶשׁ רֹקַח מִרְקַחַת מַעֲשֵׂה רֹקֵחַ שֶׁמֶן מִשְׁחַת־
קֹדֶשׁ יִהְיֶה׃ וּמָשַׁחְתָּ בוֹ אֶת־אֹהֶל מוֹעֵד וְאֵת אֲרוֹן הָעֵדֻת׃ כו
וְאֶת־הַשֻּׁלְחָן וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְאֶת־הַמְּנֹרָה וְאֶת־כֵּלֶיהָ וְאֵת כז
מִזְבַּח הַקְּטֹרֶת׃ וְאֶת־מִזְבַּח הָעֹלָה וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְאֶת־ כח
הַכִּיֹּר וְאֶת־כַּנּוֹ׃ וְקִדַּשְׁתָּ אֹתָם וְהָיוּ קֹדֶשׁ קָדָשִׁים כָּל־ כט
הַנֹּגֵעַ בָּהֶם יִקְדָּשׁ׃ וְאֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו תִּמְשָׁח וְקִדַּשְׁתָּ ל
אֹתָם לְכַהֵן לִי׃ וְאֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תְּדַבֵּר לֵאמֹר שֶׁמֶן לא

פון ישראל לויט זייער ציילונג, זאָלן זיי געבן איטלעכער אַן אויסלייז פאַר זיין נפש צו גאָט, ווען מע ציילט זיי, כדי עס זאָל ניט זיין צווישן זיי אַ מגפה, ווען מע ציילט זיי. 13 דאָס זאָלן זיי געבן, איטלעכער וואָס גייט אַריין אין דער ציילונג: אַ האַלבן שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל–צוואַנציק גֵרָה אַ שֶקל–אַ האַלבן שֶקל אַן אָפּשיידונג צו גאָט. 14 איט־לעכער וואָס גייט אַריין אין דער ציילונג, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, זאָל געבן די אָפּשיידונג פון גאָט. 15 דער רייכער זאָל ניט מערן, און דער אָרימער זאָל ניט מינערן פון אַ האַלבן שֶקל, ביים געבן די אָפּשיידונג פון גאָט, כדי מכפר צו זיין אויף אײַערע נפשות. 16 און זאָלסט נעמען דאָס געלט פון פאַרגעבונג, פון די קינדער פון ישראל, און זאָלסט עס געבן פאַר דער אַרבעט פון אוהל־מועד, און עס זאָל זיין די קינדער פון ישראל פאַר אַ דערמאָנונג פאַר גאָט, מכפר צו זיין אויף אײַערע נפשות.

17 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 18 זאָלסט אויך מאַכן אַ האַנטפאַס פון קופּער, מיט זיין געשטעל פון קופּער, זיך צו וואַשן; און זאָלסט אים אַוועק־שטעלן צווישן אוהל־מועד און צווישן מזבח, און אַריינ־טאָן אַהין וואַסער. 19 און אַהרן און זיינע זין זאָלן וואַשן פון אים זייערע הענט און זייערע פיס. 20 ווען זיי קומען אין אוהל־מועד, זאָלן זיי זיך וואַשן מיט וואַסער, כדי זיי זאָלן ניט שטאַרבן; אָדער ווען זיי גענענען צום מזבח צו דינען, צו דעמפן אַ פייעראָפּפער צו גאָט. 21 און זיי זאָלן וואַשן זייערע הענט און זייערע פיס, כדי זיי זאָלן ניט שטאַרבן; און עס זאָל זיי זיין אַן אייביק געזעץ, אים און זיין זאָמען אויף דור־דורות.

22 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 23 דו נעם דיר אויך הויפּטגעווירצן, פליסיקע מירע פינף הונדערט [שֶקל], און געווירציקן צימערינג אַ העלפט דערפון, צוויי הונדערט און פופציק, און געווירצראָר צוויי הונדערט און פופציק, 24 און קאַניל פינף הונדערט, אויפן הייליקן שֶקל, און בוימל אַ הין. 25 און זאָלסט מאַכן דערפון אַן אייל פון הייליקער זאַלבונג, אַ בשמים צובאַרייט אַזוי ווי דער בשמים־מישער מאַכט; אַן אייל פון הייליקער זאַלבונג זאָל עס זיין. 26 און זאָלסט זאַלבן דערמיט דעם אוהל־מועד, און דעם אָרון פון געזעץ, 27 און דעם טיש און אַלע זיינע כלים, און די מנורה און אירע כלים, און דעם מזבח פאַר ווייריך, 28 און דעם מזבח פאַר בראַנד־אָפּפער און אַלע זיינע כלים, און דעם האַנטפאַס און זיין געשטעל. 29 און זאָלסט זיי הייליקן, זיי זאָלן זיין אַ הייליקסטע הייליקייט; אַלץ וואָס רירט זיך אָן זיי אָן זאָל ווערן הייליק. 30 און אַהרנען און זיינע זין זאָלסטו זאַלבן און זיי הייליקן צו זיין כהנים צו מיר. 31 און צו די קינדער פון ישראל זאָלסטו רעדן, אַזוי צו זאָגן: אַן אייל

פון הייליקער זאַלבונג זאָל דאָס זיין צו מיר אויף אײַערע דור־דורות. [32] אויף אַ מענטשנס לייב זאָל עס ניט געגאָסן ווערן, און איר זאָלט ניט מאַכן אַזוינס, לויט דער צונויפ־מישונג דערפון; הייליק איז דאָס, הייליק זאָל עס אײַך זיין. [33] איטלעכער וואָס וועט צוברייטן אַזוינס, אָדער וואָס וועט אַרויפטאָן דערפון אויף אַ פרעמדן, וועט פאַר־שניטן ווערן פון זיין פאָלק.

[34] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: נעם דיר שמע־קעדיקע געווירצן, טריפגעווירץ, און רייכערנעגל, און גאַלאַבאַן; שמעקעדיקע געווירצן, און לויטערן ווייראַך; גלייך אויף גלייך זאָלן זיי זיין. [35] און זאָלסט מאַכן דער־פון אַ רייכערוואַרג, אַ בשמים אַזוי ווי דער בשמים־מישער מאַכט, צוגעריכט מיט זאַלץ, ריין, הייליק. [36] און זאָלסט דערפון דין צערייבן, און אַרויפטאָן דערפון פאַר דעם געזעץ אין אוהל־מועד, וואָס דאָרטן וועל איך זיך אַנט־פּלעקן צו דיר; אַ הייליקסטע הייליקייט זאָל עס אײַך זיין. [37] און דאָס רייכערוואַרג וואָס דו וועסט מאַכן—לויט זיין צונויפמישונג זאָלט איר פאַר זיך ניט מאַכן; הייליק צו גאָט זאָל עס דיר זיין. [38] איטלעכער וואָס וועט מאַכן אַזוינס, צו שמעקן דערפון, וועט פאַרשניטן ווערן פון זיין פאָלק.

לב מִשְׁחַת־קֹדֶשׁ יִהְיֶה זֶה לִי לְדֹרֹתֵיכֶם׃ עַל־בְּשַׂר אָדָם
לֹא יִיסָךְ וּבְמַתְכֻּנְתּוֹ לֹא תַעֲשׂוּ כָּמֹהוּ קֹדֶשׁ הוּא קֹדֶשׁ
לג יִהְיֶה לָכֶם׃ אִישׁ אֲשֶׁר יִרְקַח כָּמֹהוּ וַאֲשֶׁר יִתֵּן מִמֶּנּוּ עַל
לד זָר וְנִכְרַת מֵעַמָּיו׃ ס וַיֹּאמֶר יְהֹוָה אֶל־מֹשֶׁה קַח־לְךָ
סַמִּים נָטָף ׀ וּשְׁחֵלֶת וְחֶלְבְּנָה סַמִּים וּלְבֹנָה זַכָּה בַּד בְּבַד
לה יִהְיֶה׃ וְעָשִׂיתָ אֹתָהּ קְטֹרֶת רֹקַח מַעֲשֵׂה רוֹקֵחַ מְמֻלָּח
לו טָהוֹר קֹדֶשׁ׃ וְשָׁחַקְתָּ מִמֶּנָּה הָדֵק וְנָתַתָּה מִמֶּנָּה לִפְנֵי
הָעֵדֻת בְּאֹהֶל מוֹעֵד אֲשֶׁר אִוָּעֵד לְךָ שָׁמָּה קֹדֶשׁ קָדָשִׁים
לז תִּהְיֶה לָכֶם׃ וְהַקְּטֹרֶת אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה בְּמַתְכֻּנְתָּהּ לֹא
לח תַעֲשׂוּ לָכֶם קֹדֶשׁ תִּהְיֶה לְךָ לַיהֹוָה׃ אִישׁ אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה
כָמוֹהָ לְהָרִיחַ בָּהּ וְנִכְרַת מֵעַמָּיו׃ ס

## לא

א ב וַיְדַבֵּר יְהֹוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ רְאֵה קָרָאתִי בְשֵׁם בְּצַלְאֵל
ג בֶּן־אוּרִי בֶן־חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה׃ וָאֲמַלֵּא אֹתוֹ רוּחַ אֱלֹהִים
ד בְּחָכְמָה וּבִתְבוּנָה וּבְדַעַת וּבְכָל־מְלָאכָה׃ לַחְשֹׁב מַחֲשָׁבֹת
ה לַעֲשׂוֹת בַּזָּהָב וּבַכֶּסֶף וּבַנְּחֹשֶׁת׃ וּבַחֲרֹשֶׁת אֶבֶן לְמַלֹּאת
ו וּבַחֲרֹשֶׁת עֵץ לַעֲשׂוֹת בְּכָל־מְלָאכָה׃ וַאֲנִי הִנֵּה נָתַתִּי אִתּוֹ
אֵת אָהֳלִיאָב בֶּן־אֲחִיסָמָךְ לְמַטֵּה־דָן וּבְלֵב כָּל־חֲכַם־לֵב
ז נָתַתִּי חָכְמָה וְעָשׂוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוִּיתִךָ׃ אֵת ׀ אֹהֶל מוֹעֵד
וְאֶת־הָאָרֹן לָעֵדֻת וְאֶת־הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עָלָיו וְאֵת כָּל־כְּלֵי
ח הָאֹהֶל׃ וְאֶת־הַשֻּׁלְחָן וְאֶת־כֵּלָיו וְאֶת־הַמְּנֹרָה הַטְּהֹרָה
ט וְאֶת־כָּל־כֵּלֶיהָ וְאֵת מִזְבַּח הַקְּטֹרֶת׃ וְאֶת־מִזְבַּח הָעֹלָה
י וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְאֶת־הַכִּיּוֹר וְאֶת־כַּנּוֹ׃ וְאֵת בִּגְדֵי הַשְּׂרָד וְאֶת־
יא בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ לְאַהֲרֹן הַכֹּהֵן וְאֶת־בִּגְדֵי בָנָיו לְכַהֵן׃ וְאֵת
שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְאֶת־קְטֹרֶת הַסַּמִּים לַקֹּדֶשׁ כְּכֹל אֲשֶׁר־
צִוִּיתִךָ יַעֲשׂוּ׃ פ
יב יג וַיֹּאמֶר יְהֹוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ וְאַתָּה דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
לֵאמֹר אַךְ אֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ כִּי אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם

## לא

[1] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן אַזוי צו זאָגן: [2] זע, איך האָב גערופן מיטן נאָמען[א] בצַלאֵל דעם זון פון אורי דעם זון פון חורן, פון שבט יהודה, [3] און איך האָב אים אָנגעפילט מיטן גייסט פון גאָט, אין חכמה, און אין פאַרשטאַנדיקייט און אין קענשאַפט, און אין יעטוועדער מלאָכה, [4] אויסצוקינצלען קונציקע זאַכן, צו אַרבעטן אין גאָלד, און אין זילבער, און אין קופּער; [5] און אין שניידונג פון שטיינער צום אײַנפאַסן, און אין שניצונג פון האָלץ, צו אַרבעטן אין יעטוועדער מלאָכה. [6] און איך, זע, האָב צוגעגעבן צו אים אָהליאָב דעם זון פון אַחיסָמָכן, פון שבט דָן; און אין האַרצן פון אַלע קלוגהאַרציקע האָב איך אַרײַנגעגעבן חכמה, אַז זיי זאָלן מאַכן אַלץ וואָס איך האָב דיר באַפוילן: [7] דעם אוהל־מועד, און דעם אָרון פאַרן געזעץ, און דעם דעק וואָס איבער אים, און אַלע כלים פון געצעלט; [8] און דעם טיש און זיינע כלים, און די ריינע מנורה און אַלע אירע כלים, און דעם מזבח פאַר ווייריך; [9] און דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער און אַלע זיינע כלים, און דעם האַנטפאַס און זיין געשטעל; [10] און די געשטריקטע קליידער, און די הייליקע קליידער פאַר אַהרן דעם כהן, און די קליידער פון זיינע זין, אויף צו טאָן די כהונה; [11] און דאָס אייל פון זאַלבונג, און דעם ווייריך פון שמעקעדיקע געווירצן פאַרן הייליקטום; אַזוי ווי אַלץ וואָס איך האָב דיר באַפוילן, זאָלן זיי טאָן.

[12] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [13] דו רעד אויך צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט נאָר אָפּהיטן מיינע שבתים, וואָרום אַ צייכן איז דאָס צווישן מיר און צווישן אײַך אויף

[א] ד. ה. אויסגעצייכנט, אויסדערוויילט.

יד לְדֹרֹתֵיכֶם לָדַעַת כִּי אֲנִי יְהוָה מְקַדִּשְׁכֶם: וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־
הַשַּׁבָּת כִּי קֹדֶשׁ הִוא לָכֶם מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת כִּי כָּל־
הָעֹשֶׂה בָהּ מְלָאכָה וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מִקֶּרֶב עַמֶּיהָ:
טו שֵׁשֶׁת יָמִים יֵעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן
קֹדֶשׁ לַיהוָה כָּל־הָעֹשֶׂה מְלָאכָה בְּיוֹם הַשַּׁבָּת מוֹת יוּמָת:
טז וְשָׁמְרוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת־הַשַּׁבָּת
יז לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם: בֵּינִי וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אוֹת הִוא
לְעֹלָם כִּי־שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה יְהוָה אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ
שני וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שָׁבַת וַיִּנָּפַשׁ: ס וַיִּתֵּן אֶל־מֹשֶׁה כְּכַלֹּתוֹ
לְדַבֵּר אִתּוֹ בְּהַר סִינַי שְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת לֻחֹת אֶבֶן כְּתֻבִים
בְּאֶצְבַּע אֱלֹהִים:

## לב

א וַיַּרְא הָעָם כִּי־בֹשֵׁשׁ מֹשֶׁה לָרֶדֶת מִן־הָהָר וַיִּקָּהֵל הָעָם
עַל־אַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו קוּם | עֲשֵׂה־לָנוּ אֱלֹהִים אֲשֶׁר
יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ כִּי־זֶה | מֹשֶׁה הָאִישׁ אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ מֵאֶרֶץ
ב מִצְרַיִם לֹא יָדַעְנוּ מֶה־הָיָה לוֹ: וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַהֲרֹן
פָּרְקוּ נִזְמֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר בְּאָזְנֵי נְשֵׁיכֶם בְּנֵיכֶם וּבְנֹתֵיכֶם
ג וְהָבִיאוּ אֵלָי: וַיִּתְפָּרְקוּ כָּל־הָעָם אֶת־נִזְמֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר
ד בְּאָזְנֵיהֶם וַיָּבִיאוּ אֶל־אַהֲרֹן: וַיִּקַּח מִיָּדָם וַיָּצַר אֹתוֹ בַּחֶרֶט
וַיַּעֲשֵׂהוּ עֵגֶל מַסֵּכָה וַיֹּאמְרוּ אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
ה הֶעֱלוּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם: וַיַּרְא אַהֲרֹן וַיִּבֶן מִזְבֵּחַ לְפָנָיו וַיִּקְרָא
ו אַהֲרֹן וַיֹּאמַר חַג לַיהוָה מָחָר: וַיַּשְׁכִּימוּ מִמָּחֳרָת וַיַּעֲלוּ עֹלֹת
וַיַּגִּשׁוּ שְׁלָמִים וַיֵּשֶׁב הָעָם לֶאֱכֹל וְשָׁתוֹ וַיָּקֻמוּ לְצַחֵק: פ
ז וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֶךְ־רֵד כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ אֲשֶׁר הֶעֱלֵיתָ
ח מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם: סָרוּ מַהֵר מִן־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר צִוִּיתִם עָשׂוּ
לָהֶם עֵגֶל מַסֵּכָה וַיִּשְׁתַּחֲווּ־לוֹ וַיִּזְבְּחוּ־לוֹ וַיֹּאמְרוּ אֵלֶּה
ט אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הֶעֱלוּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם: וַיֹּאמֶר יְהוָה
אֶל־מֹשֶׁה רָאִיתִי אֶת־הָעָם הַזֶּה וְהִנֵּה עַם־קְשֵׁה־עֹרֶף הוּא:

לא, יד׳ קמץ בז״ק

אײַערע דור־דורות, כּדי איר זאָלט װיסן, אַז איך יהוה הײליק אײַך. 14 און איר זאָלט היטן שבת, װאָרום ער איז הײליק פֿאַר אײַך; דער װאָס פֿאַרשװעכט אים, זאָל טײטן געטײט װערן; װאָרום איטלעכער װאָס טוט אין אים אַן אַרבעט, יענע זעל זאָל פֿאַרשניטן װערן פֿון צװישן איר פֿאָלק. 15 זעקס טעג זאָל געטאָן װערן אַרבעט, אָבער אױפֿן זיבעטן טאָג זאָל זײַן אַ שבת פֿון רואונג, הײליק צו גאָט; איטלעכער װאָס טוט אַן אַרבעט אין טאָג פֿון שבת, זאָל טײטן געטײט װערן. 16 און די קינדער פֿון ישׂראל זאָלן היטן שבת, צו האַלטן שבת אױף זײערע דור־דורות; אַן אײביקער בונד. 17 צװישן מיר און צװישן די קינדער פֿון ישׂראל איז דאָס אַ צײכן אױף אײביק, אַז זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, און אױפֿן זיבעטן טאָג האָט ער אױפֿגעהערט און גערוט.

18 און ער האָט געגעבן משהן, װי ער האָט געענדיקט רעדן מיט אים אױפֿן באַרג סיני, די צװײ לוחות פֿון געזעץ, שטײנערנע לוחות געשריבן מיט דעם פֿינגער פֿון גאָט.

**לב** 1 און װי דאָס פֿאָלק האָט געזען, אַז משה זאַמט זיך אַראָפּצונידערן פֿון באַרג, אַזױ האָט דאָס פֿאָלק זיך אײַנגעזאַמלט אַרום אַהרנען, און זײ האָבן צו אים געזאָגט: שטײ אױף, מאַך אונדז אַ גאָט װאָס זאָל גײן פֿאַר אונדז; װאָרום דער דאָזיקער מאַן משה, װאָס האָט אונדז אױפֿגעבראַכט פֿון לאַנד מִצרַיִם, װײסן מיר ניט װאָס מיט אים איז געװאָרן.

2 האָט אַהרן צו זײ געזאָגט: נעמט אַראָפּ די גילדערנע אױרינגען װאָס אין די אױערן פֿון אײַערע װײַבער, אײַערע זין, און אײַערע טעכטער, און ברענגט צו מיר.

3 האָט דאָס גאַנצע פֿאָלק אַראָפּגענומען פֿון זיך די גילדערנע אױרינגען װאָס אין זײערע אױערן, און געבראַכט צו אַהרנען. 4 און ער האָט צוגענומען פֿון זײער האַנט, און האָט עס אױסגעפֿורעמט אין אַ פֿורעם, און האָט דערפֿון געמאַכט אַ געגאָסן קאַלב; און זײ האָבן געזאָגט: דאָס איז דײַן גאָט, ישׂראל, װאָס האָט דיך אױפֿגעבראַכט פֿון לאַנד מִצרַיִם.

5 און װי אַהרן האָט דאָס געזען, אַזױ האָט ער געבױט פֿאַר אים אַ מזבח, און אַהרן האָט אױסגערופֿן און געזאָגט: אַ יום־טוב צו יהוה איז מאָרגן. 6 און זײ האָבן זיך געפֿעדערט אױף מאָרגן, און האָבן אױפֿגעבראַכט בראַנדאָפּפֿער, און געגעבן פֿרידאָפּפֿער; און דאָס פֿאָלק האָט זיך געזעצט עסן און טרינקען, און זײ זײנען אױפֿגעשטאַנען זיך לוסטיק צו מאַכן.

7 האָט גאָט גערעדט צו משהן: גײ נידער אַראָפּ, װאָרום פֿאַרדאָרבן געװאָרן איז דײַן פֿאָלק, װאָס דו האָסט אױפֿגעבראַכט פֿון לאַנד מִצרַיִם; 8 זײ האָבן זיך גיך אָפּגעקערט פֿון דעם װעג װאָס איך האָב זײ באַפֿױלן; זײ האָבן זיך געמאַכט אַ געגאָסן קאַלב, און האָבן זיך געבוקט צו אים, און געשלאַכט צו אים, און געזאָגט: דאָס איז דײַן גאָט, ישׂראל, װאָס האָט דיך אױפֿגעבראַכט פֿון לאַנד מִצרַיִם. 9 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: איך האָב געזען דאָסדאָזיקע פֿאָלק, ערשט עס איז אַ האַרטנעקיק פֿאָלק;

10 און אַצונד לאָז מיך, און מיין צאָרן וועט גרימען אויף
זיי, און איך וועל זיי פאַרלענדן, און וועל דיך מאַכן פאַר
אַ גרויס פאָלק.

11 האָט משה געבעטן פאַר יהוה זיין גאָט, און ער
האָט געזאָגט: פאַרוואָס, גאָט, זאָל גרימען דיין צאָרן אויף
דיין פאָלק, וואָס דו האָסט אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם
מיט גרויס כּוח און מיט אַ שטאַרקער האַנט? 12 פאַרוואָס
זאָלן זאָגן די מִצרים, אַזוי צו זאָגן: צום בייזן האָט ער זיי
אַרויסגעצויגן, כּדי זיי צו הרגען אין די בערג, און זיי צו
פאַרלענדן פון דעם געזיכט פון דער ערד? קער זיך אָפּ
פון דיין גרימצאָרן, און האָב חרטה אויף דעם בייז צו
דיין פאָלק. 13 דערמאָן זיך אָן אַברהם, אָן יצחק, און
אָן ישראל, דיינע קנעכט, וואָס דו האָסט זיי געשוואָרן
ביי זיך, און האָסט צו זיי גערעדט: איך וועל מערן אייער
זאָמען אַזוי ווי די שטערן פון הימל, און דאָסדאָזיקע גאַנצע
לאַנד וואָס איך האָב געזאָגט, וועל איך געבן צו אַייער
זאָמען, און זיי וועלן עס אַרבן אויף אייביק.

14 האָט גאָט חרטה געהאַט אויף דעם בייז וואָס ער
האָט געזאָגט צו טאָן צו זיין פאָלק.

15 און משה האָט זיך אומגעקערט, און האָט אַראָפּ־
גענידערט פון באַרג, מיט די צוויי לוחות פון געזעץ אין
זיין האַנט, לוחות באַשריבן פון זייערע ביידע זייטן; פון
דער זייט און פון יענער זייט זיינען זיי געווען באַשריבן.
16 און די לוחות זיינען געווען די אַרבעט פון גאָט, און דער
כּתב איז געווען דער כּתב פון גאָט, אויסגעקריצט אויף
די לוחות.

וְעַתָּה הַנִּיחָה לִּי וְיִחַר־אַפִּי בָהֶם וַאֲכַלֵּם וְאֶעֱשֶׂה אוֹתְךָ
יא לְגוֹי גָּדוֹל׃ וַיְחַל מֹשֶׁה אֶת־פְּנֵי יְהוָה אֱלֹהָיו וַיֹּאמֶר לָמָה
יְהוָה יֶחֱרֶה אַפְּךָ בְּעַמֶּךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּכֹחַ
יב גָּדוֹל וּבְיָד חֲזָקָה׃ לָמָּה יֹאמְרוּ מִצְרַיִם לֵאמֹר בְּרָעָה
הוֹצִיאָם לַהֲרֹג אֹתָם בֶּהָרִים וּלְכַלֹּתָם מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה
יג שׁוּב מֵחֲרוֹן אַפֶּךָ וְהִנָּחֵם עַל־הָרָעָה לְעַמֶּךָ׃ זְכֹר לְאַבְרָהָם
לְיִצְחָק וּלְיִשְׂרָאֵל עֲבָדֶיךָ אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לָהֶם בָּךְ וַתְּדַבֵּר
אֲלֵהֶם אַרְבֶּה אֶת־זַרְעֲכֶם כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמָיִם וְכָל־הָאָרֶץ
יד הַזֹּאת אֲשֶׁר אָמַרְתִּי אֶתֵּן לְזַרְעֲכֶם וְנָחֲלוּ לְעֹלָם׃ וַיִּנָּחֶם
יְהוָה עַל־הָרָעָה אֲשֶׁר דִּבֶּר לַעֲשׂוֹת לְעַמּוֹ׃ פ
טו וַיִּפֶן וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן־הָהָר וּשְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת בְּיָדוֹ לֻחֹת
טז כְּתֻבִים מִשְּׁנֵי עֶבְרֵיהֶם מִזֶּה וּמִזֶּה הֵם כְּתֻבִים׃ וְהַלֻּחֹת
מַעֲשֵׂה אֱלֹהִים הֵמָּה וְהַמִּכְתָּב מִכְתַּב אֱלֹהִים הוּא חָרוּת
יז עַל־הַלֻּחֹת׃ וַיִּשְׁמַע יְהוֹשֻׁעַ אֶת־קוֹל הָעָם בְּרֵעֹה וַיֹּאמֶר
יח אֶל־מֹשֶׁה קוֹל מִלְחָמָה בַּמַּחֲנֶה׃ וַיֹּאמֶר אֵין קוֹל עֲנוֹת
יט גְּבוּרָה וְאֵין קוֹל עֲנוֹת חֲלוּשָׁה קוֹל עַנּוֹת אָנֹכִי שֹׁמֵעַ׃ וַיְהִי
כַּאֲשֶׁר קָרַב אֶל־הַמַּחֲנֶה וַיַּרְא אֶת־הָעֵגֶל וּמְחֹלֹת וַיִּחַר־
אַף מֹשֶׁה וַיַּשְׁלֵךְ מִיָּדָו אֶת־הַלֻּחֹת וַיְשַׁבֵּר אֹתָם תַּחַת
כ הָהָר׃ וַיִּקַּח אֶת־הָעֵגֶל אֲשֶׁר עָשׂוּ וַיִּשְׂרֹף בָּאֵשׁ וַיִּטְחַן עַד
אֲשֶׁר־דָּק וַיִּזֶר עַל־פְּנֵי הַמַּיִם וַיַּשְׁקְ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃
כא וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן מֶה־עָשָׂה לְךָ הָעָם הַזֶּה כִּי־הֵבֵאתָ
כב עָלָיו חֲטָאָה גְדֹלָה׃ וַיֹּאמֶר אַהֲרֹן אַל־יִחַר אַף אֲדֹנִי אַתָּה
כג יָדַעְתָּ אֶת־הָעָם כִּי בְרָע הוּא׃ וַיֹּאמְרוּ לִי עֲשֵׂה־לָנוּ אֱלֹהִים
אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ כִּי־זֶה ׀ מֹשֶׁה הָאִישׁ אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ מֵאֶרֶץ
כד מִצְרַיִם לֹא יָדַעְנוּ מֶה־הָיָה לוֹ׃ וָאֹמַר לָהֶם לְמִי זָהָב
הִתְפָּרָקוּ וַיִּתְּנוּ־לִי וָאַשְׁלִכֵהוּ בָאֵשׁ וַיֵּצֵא הָעֵגֶל הַזֶּה׃
כה וַיַּרְא מֹשֶׁה אֶת־הָעָם כִּי פָרֻעַ הוּא כִּי־פְרָעֹה אַהֲרֹן

---

יז׳ ברעו ק׳ יט׳ מידיו ק׳

17 און יהושע האָט געהערט דעם קָול פון דעם
פאָלק אין זיין שאַלן, און ער האָט געזאָגט צו משהן: אַ קָול פון מלחמה איז אין לאַגער. 18 האָט ער געזאָגט: עס איז
ניט אַ קָול פון געשריי פון גבורה, און ניט אַ קָול פון געשריי פון שוואַכקייט; אַ קָול פון זינגען הער איך.

19 און עס איז געווען, ווי ער האָט גענענט צום לאַגער, און האָט געזען דאָס קאַלב און די טענץ, אַזוי האָט געגרימט
דער צאָרן פון משהן, און ער האָט אַ וואָרף געטאָן פון זיינע הענט די לוחות, און האָט זיי צעבראָכן אונטערן באַרג.
20 און ער האָט גענומען דאָס קאַלב, וואָס זיי האָבן געמאַכט, און האָט פאַרברענט אין פייער, און צעמאָלן ביז וואַנען
עס איז געוואָרן דין, און האָט צעשאָטן אויפן וואַסער, און געגעבן טרינקען די קינדער פון ישראל.

21 און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען: וואָס האָט דיר דאָסדאָזיקע פאָלק געטאָן, וואָס דו האָסט געבראַכט אויף
אים אַ גרויסע זינד?

22 האָט אַהרן געזאָגט: זאָל ניט גרימען דער צאָרן פון מיין האַר; דו קענסט דאָס פאָלק, אַז ער איז שלעכט.
23 האָבן זיי צו מיר געזאָגט: מאַך אונדז אַ גאָט וואָס זאָל גיין פאַר אונדז, וואָרום דערדאָזיקער מאַן משה, וואָס האָט
אונדז אויפגעבראַכט פון לאַנד מִצרַיִם, ווייסן מיר ניט וואָס מיט אים איז געוואָרן. 24 האָב איך צו זיי געזאָגט: ווער עס
האָט גאָלד, נעמט אַראָפּ פון זיך; און זיי האָבן מיר געגעבן, און איך האָב עס אַריינגעוואָרפן אין פייער, און עס איז
אַרויסגעקומען דאָסדאָזיקע קאַלב.

25 און משה האָט געזען דאָס פאָלק, אַז עס איז צעווילדערט, ווייל אַהרן האָט עס צעווילדערט, צו

לְשִׁמְצָה בְּקָמֵיהֶם׃ וַיַּעֲמֹד מֹשֶׁה בְּשַׁעַר הַמַּחֲנֶה וַיֹּאמֶר כו
מִי לַיהוָה אֵלָי וַיֵּאָסְפוּ אֵלָיו כָּל־בְּנֵי לֵוִי׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם כז
כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל שִׂימוּ אִישׁ־חַרְבּוֹ עַל־יְרֵכוֹ
עִבְרוּ וָשׁוּבוּ מִשַּׁעַר לָשַׁעַר בַּמַּחֲנֶה וְהִרְגוּ אִישׁ־אֶת־אָחִיו
וְאִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ וְאִישׁ אֶת־קְרֹבוֹ׃ וַיַּעֲשׂוּ בְנֵי־לֵוִי כִּדְבַר כח
מֹשֶׁה וַיִּפֹּל מִן־הָעָם בַּיּוֹם הַהוּא כִּשְׁלֹשֶׁת אַלְפֵי אִישׁ׃
וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה מִלְאוּ יֶדְכֶם הַיּוֹם לַיהוָה כִּי אִישׁ בִּבְנוֹ כט
וּבְאָחִיו וְלָתֵת עֲלֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיֹּאמֶר ל
מֹשֶׁה אֶל־הָעָם אַתֶּם חֲטָאתֶם חֲטָאָה גְדֹלָה וְעַתָּה אֶעֱלֶה
אֶל־יְהוָה אוּלַי אֲכַפְּרָה בְּעַד חַטַּאתְכֶם׃ וַיָּשָׁב מֹשֶׁה אֶל־ לא
יְהוָה וַיֹּאמַר אָנָּא חָטָא הָעָם הַזֶּה חֲטָאָה גְדֹלָה וַיַּעֲשׂוּ
לָהֶם אֱלֹהֵי זָהָב׃ וְעַתָּה אִם־תִּשָּׂא חַטָּאתָם וְאִם־אַיִן מְחֵנִי לב
נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה מִי אֲשֶׁר לג
חָטָא־לִי אֶמְחֶנּוּ מִסִּפְרִי׃ וְעַתָּה לֵךְ ׀ נְחֵה אֶת־הָעָם אֶל לד
אֲשֶׁר־דִּבַּרְתִּי לָךְ הִנֵּה מַלְאָכִי יֵלֵךְ לְפָנֶיךָ וּבְיוֹם פָּקְדִי
וּפָקַדְתִּי עֲלֵיהֶם חַטָּאתָם׃ וַיִּגֹּף יְהוָה אֶת־הָעָם עַל אֲשֶׁר לה
עָשׂוּ אֶת־הָעֵגֶל אֲשֶׁר עָשָׂה אַהֲרֹן׃ ס

לג

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵךְ עֲלֵה מִזֶּה אַתָּה וְהָעָם אֲשֶׁר א
הֶעֱלִיתָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי לְאַבְרָהָם
לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב לֵאמֹר לְזַרְעֲךָ אֶתְּנֶנָּה׃ וְשָׁלַחְתִּי לְפָנֶיךָ ב
מַלְאָךְ וְגֵרַשְׁתִּי אֶת־הַכְּנַעֲנִי הָאֱמֹרִי וְהַחִתִּי וְהַפְּרִזִּי הַחִוִּי
וְהַיְבוּסִי׃ אֶל־אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ כִּי לֹא אֶעֱלֶה בְּקִרְבְּךָ ג
כִּי עַם־קְשֵׁה־עֹרֶף אַתָּה פֶּן־אֲכֶלְךָ בַּדָּרֶךְ׃ וַיִּשְׁמַע הָעָם ד
אֶת־הַדָּבָר הָרָע הַזֶּה וַיִּתְאַבָּלוּ וְלֹא־שָׁתוּ אִישׁ עֶדְיוֹ עָלָיו׃
וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל אַתֶּם עַם־ ה
קְשֵׁה־עֹרֶף רֶגַע אֶחָד אֶעֱלֶה בְקִרְבְּךָ וְכִלִּיתִיךָ וְעַתָּה הוֹרֵד

לב, כה׳ ק׳ דגושה לא׳ ב׳ טעמים

שאַנד ביי זייערע פיינט. [26] האָט משה זיך געשטעלט אין טויער פון לאַגער, און האָט געזאָגט: ווער פאַר יהוה, צו מיר! האָבן זיך אַיינגעזאַמלט צו אים אַלע קינדער פון לֵוִי. [27] און ער האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל: טוט אָן איטלעכער זיין שווערד אויף זיין דיך, גייט דורך הין און צוריק פון טויער צו טויער אין לאַגער, און הרגעט איטלעכער זיין ברודער, און איטלעכער זיין חבר, און איטלעכער זיין קרוב.

[28] האָבן די קינדער פון לֵוִי געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון משהן, און עס זיינען געפאַלן פון פאָלק אין יענעם טאָג אַרום דריי טויזנט מאַן. [29] און משה האָט געזאָגט: דערפילט אַייער האַנט[א] היינט צו גאָט, ווייל איטלעכער איז געווען אַקעגן זיין זון, און אַקעגן זיין ברודער, און כּדי אַייך היינט צו געבן אַ ברכה.

[30] און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט משה געזאָגט צום פאָלק: איר האָט געזינדיקט אַ גרויסע זינד; און אַצונד וועל איך אַרויפגיין צו גאָט, אפשר וועל איך מכפּר זיין אויף אַייער זינד.

[31] האָט משה זיך אומגעקערט צו גאָט, און האָט געזאָגט: איך בעט דיך, דאָסדאָזיקע פאָלק האָט געזינדיקט אַ גרויסע זינד, און זיי האָבן זיך געמאַכט אַ גאָט פון גאָלד. [32] איז, אַצונד, אויב דו וועסט פאַרגעבן זייער זינד—, און אויב ניט, מעק מיך אויס, איך בעט דיך, פון דיין בוך וואָס דו האָסט געשריבן.

[33] האָט גאָט געזאָגט צו משהן: ווער עס האָט געזינדיקט צו מיר, אים וועל איך אויסמעקן פון מיין בוך. [34] און אַצונד גיי פיר דאָסדאָזיקע פאָלק אַהין ווו איך האָב דיר געזאָגט; זע, מיין מלאך וועט גיין דיר פאַרויס; אָבער אין דעם טאָג, וואָס איך רעכן זיך, וועל איך זיך רעכענען מיט זיי פאַר זייער זינד.

[35] און גאָט האָט געפּלאָגט דאָס פאָלק פאַרוואָס זיי האָבן געמאַכט דאָס קאַלב, וואָס אַהרן האָט געמאַכט.

לג [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן: קום, גיי אַרויף פון דאַנען, דו און דאָס פאָלק וואָס דו האָסט אויפגעבראַכט פון לאַנד מִצרַיִם, צו דעם לאַנד וואָס איך האָב געשוואָרן צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן, אַזוי צו זאָגן: צו דיין זאָמען וועל איך עס געבן— [2] און איך וועל שיקן דיר פאַרויס אַ מלאך, און וועל פאַרטרייבן דעם כּנַעֲנִי, דעם אֱמוֹרִי, און דעם חִתִּי, און דעם פְּרִזִּי, דעם חִוִּי, און דעם יבוּסִי— [3] צו אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק—וואָרום איך וועל ניט אַרויפגיין צווישן דיר, ווייל אַ האַרטנעקיק פאָלק ביסטו; איך קען דיך נאָך פאַרלענדן אויפן וועג.

[4] האָט דאָס פאָלק געהערט דעמדאָזיקן שלעכטן אָנזאָג, און זיי האָבן געטרויערט, און האָבן קיינער ניט אָנגעטאָן זיין צירונג אויף זיך.

[5] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זאָג צו די קינדער פון ישׂראל: איר זייט אַ האַרטנעקיק פאָלק; איין רגע ווען איך זאָל אַרויפגיין צווישן דיר, וועל איך דיך פאַרלענדן. און אַצונד נעם אַראָפּ דיין צירונג פון

[א] ד. ה. ווייט אַייך איין און הייליקט אַייך.

ו עֶדְיְךָ מֵעָלֶיךָ וְאֵדְעָה מָה אֶעֱשֶׂה־לָּךְ: וַיִּתְנַצְּלוּ בְנֵי־
ז יִשְׂרָאֵל אֶת־עֶדְיָם מֵהַר חוֹרֵב: וּמֹשֶׁה יִקַּח אֶת־הָאֹהֶל
וְנָטָה־לוֹ ׀ מִחוּץ לַמַּחֲנֶה הַרְחֵק מִן־הַמַּחֲנֶה וְקָרָא לוֹ
אֹהֶל מוֹעֵד וְהָיָה כָּל־מְבַקֵּשׁ יְהוָה יֵצֵא אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד
ח אֲשֶׁר מִחוּץ לַמַּחֲנֶה: וְהָיָה כְּצֵאת מֹשֶׁה אֶל־הָאֹהֶל
יָקוּמוּ כָּל־הָעָם וְנִצְּבוּ אִישׁ פֶּתַח אָהֳלוֹ וְהִבִּיטוּ אַחֲרֵי
ט מֹשֶׁה עַד־בֹּאוֹ הָאֹהֱלָה: וְהָיָה כְּבֹא מֹשֶׁה הָאֹהֱלָה יֵרֵד
י עַמּוּד הֶעָנָן וְעָמַד פֶּתַח הָאֹהֶל וְדִבֶּר עִם־מֹשֶׁה: וְרָאָה
כָל־הָעָם אֶת־עַמּוּד הֶעָנָן עֹמֵד פֶּתַח הָאֹהֶל וְקָם כָּל־הָעָם
יא וְהִשְׁתַּחֲווּ אִישׁ פֶּתַח אָהֳלוֹ: וְדִבֶּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה פָּנִים
אֶל־פָּנִים כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ וְשָׁב אֶל־הַמַּחֲנֶה
וּמְשָׁרְתוֹ יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן נַעַר לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל: פ
של' וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה רְאֵה אַתָּה אֹמֵר אֵלַי הַעַל אֶת־
הָעָם הַזֶּה וְאַתָּה לֹא הוֹדַעְתַּנִי אֵת אֲשֶׁר־תִּשְׁלַח עִמִּי וְאַתָּה
יג אָמַרְתָּ יְדַעְתִּיךָ בְשֵׁם וְגַם־מָצָאתָ חֵן בְּעֵינָי: וְעַתָּה אִם־
נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ הוֹדִעֵנִי נָא אֶת־דְּרָכֶךָ וְאֵדָעֲךָ לְמַעַן
יד אֶמְצָא־חֵן בְּעֵינֶיךָ וּרְאֵה כִּי עַמְּךָ הַגּוֹי הַזֶּה: וַיֹּאמַר פָּנַי
טו יֵלֵכוּ וַהֲנִחֹתִי לָךְ: וַיֹּאמֶר אֵלָיו אִם־אֵין פָּנֶיךָ הֹלְכִים אַל־
טז תַּעֲלֵנוּ מִזֶּה: וּבַמֶּה ׀ יִוָּדַע אֵפוֹא כִּי־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אֲנִי
וְעַמֶּךָ הֲלוֹא בְּלֶכְתְּךָ עִמָּנוּ וְנִפְלֵינוּ אֲנִי וְעַמְּךָ מִכָּל־הָעָם
אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה: פ
רב' וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה גַּם אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ
יח אֶעֱשֶׂה כִּי־מָצָאתָ חֵן בְּעֵינַי וָאֵדָעֲךָ בְּשֵׁם: וַיֹּאמַר הַרְאֵנִי
יט נָא אֶת־כְּבֹדֶךָ: וַיֹּאמֶר אֲנִי אַעֲבִיר כָּל־טוּבִי עַל־פָּנֶיךָ
וְקָרָאתִי בְשֵׁם יְהוָה לְפָנֶיךָ וְחַנֹּתִי אֶת־אֲשֶׁר אָחֹן וְרִחַמְתִּי
כ אֶת־אֲשֶׁר אֲרַחֵם: וַיֹּאמֶר לֹא תוּכַל לִרְאֹת אֶת־פָּנָי כִּי
כא לֹא־יִרְאַנִי הָאָדָם וָחָי: וַיֹּאמֶר יְהוָה הִנֵּה מָקוֹם אִתִּי וְנִצַּבְתָּ
כב עַל־הַצּוּר: וְהָיָה בַּעֲבֹר כְּבֹדִי וְשַׂמְתִּיךָ בְּנִקְרַת הַצּוּר

זיך, און איך וועל באַטראַכטן, וואָס איך זאָל טאָן צו דיר. 6 האָבן די קינדער פון ישראל זיך אויסגעטאָן זייער צירונג פון באַרג חורב אָן.

7 און משה פלעגט נעמען דאָס געצעלט, און פלעגט עס זיך אויפשטעלן אויסן לאַגער, ווייט פון לאַגער, און פלעגט עס רופן אוהל־מועד[א]. און עס איז געווען, איטלעכער וואָס האָט געזוכט גאָט, פלעגט אַרויסגיין צום אוהל־מועד וואָס אויסן לאַגער. 8 און עס איז געווען, ווי משה איז אַרויסגעגאַנגען צום געצעלט, אַזוי פלעגט דאָס גאַנצע פאָלק זיך אויפשטעלן, און שטיין איטלעכער אין איינגאַנג פון זיין געצעלט, און נאָכקוקן משהן, ביז ער גייט אַריין אין געצעלט. 9 און עס איז געווען, ווי משה איז אַריינגעגאַנגען אין געצעלט, פלעגט אַראָפּנידערן דער וואָלקנזייל, און שטיין ביים איינגאַנג פון געצעלט, און [גאָט] פלעגט רעדן מיט משהן. 10 און דאָס גאַנצע פאָלק פלעגט זען דעם וואָלקנזייל שטיין ביים איינגאַנג פון געצעלט, און דאָס גאַנצע פאָלק פלעגט אויפשטיין, און זיך בוקן איטלעכער ביים איינגאַנג פון זיין געצעלט.

11 און גאָט פלעגט רעדן צו משהן פנים אֶל פנים, אַזוי ווי אַ מענטש רעדט צו זיין חבר. און ער פלעגט זיך אומקערן אין לאַגער, אָבער זיין באַדינער יהושע דער זון פון נון, אַ יונגער מאַן, פלעגט ניט אָפּטרעטן פון געצעלט.

12 און משה האָט געזאָגט צו גאָט: זע, דו זאָגסט צו מיר: ברענג אויף דאָסדאָזיקע פאָלק, אָבער דו האָסט מיך ניט געלאָזט וויסן, וועמען דו וועסט שיקן מיט מיר. דו האָסט דאָך געזאָגט: איך האָב דיך דערקענט מיטן נאָמען[ב], און האָסט אויך געפונען לייטזעליקייט אין מיינע אויגן. 13 און אַצונד, אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, לאָז מיך וויסן, איך בעט דיך, דיינע וועגן, אַז איך זאָל דיך קענען, כדי איך זאָל געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן; און זע אַז דאָסדאָזיקע פאָלק איז דאָך דיין פאָלק.

14 האָט ער געזאָגט: מיין פנים וועט מיטגיין, און איך וועל דיך באַרוען.

15 האָט ער צו אים געזאָגט: אויב דיין פנים גייט ניט מיט אונדז, זאָלסטו אונדז ניט אויפברענגען פון דאַנען.

16 וואָרום מיט וואָס דען זאָל דערקענט ווערן, אַז איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, איך און דיין פאָלק, אויב ניט דורך דיין גיין מיט אונדז, אַז מיר זאָלן זיין אויסגעצייכנט, איך און דיין פאָלק, פון אַלעם פאָלק וואָס אויפן געזיכט פון דער ערד?

17 האָט גאָט געזאָגט צו משהן: אויך דידאָזיקע זאַך וואָס דו האָסט געזאָגט, וועל איך טאָן, ווייל דו האָסט געפונען לייטזעליקייט אין מיינע אויגן, און איך האָב דיך דערקענט מיטן נאָמען.

18 האָט ער געזאָגט: לאָז מיך זען דיין פּראַכט, איך בעט דיך.

19 האָט ער געזאָגט: איך וועל מאַכן פאַרבייגיין אַל מיין גוטסקייט פאַר דיין פנים, און איך וועל אויסרופן פאַר דיר דעם נאָמען יהוה; און איך וועל לייטזעליקן וועמען איך וועל לייטזעליקן, און וועל דערבאַרימען וועמען איך וועל דערבאַרימען. 20 און ער האָט געזאָגט: קענסט ניט זען מיין פנים, וואָרום אַ מענטש קען מיך ניט זען און בלייבן לעבן. 21 און גאָט האָט געזאָגט: אָט איז אַן אָרט ביי מיר; זאָלסטו זיך שטעלן אויפן פעלז. 22 און עס וועט זיין, ווען מיין פּראַכט גייט פאַרביי, וועל איך דיך אַריינטאָן אין אַ שפּאַלט פון דעם פעלז,

[א] געצעלט פון צונויפקום אָדער אַנטפּלעקונג. זע כה, 22. [ב] ד. ה. אויסגעצייכנט, אויסדערוויילט.

וְשַׂכֹּתִי כַפִּי עָלֶיךָ עַד־עָבְרִי׃ וַהֲסִרֹתִי אֶת־כַּפִּי וְרָאִיתָ כג
אֶת־אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ׃ פ

לד

וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה פְּסָל־לְךָ שְׁנֵי־לֻחֹת אֲבָנִים כָּרִאשֹׁנִים חמ׳
וְכָתַבְתִּי עַל־הַלֻּחֹת אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר הָיוּ עַל־הַלֻּחֹת
הָרִאשֹׁנִים אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ׃ וֶהְיֵה נָכוֹן לַבֹּקֶר וְעָלִיתָ בַבֹּקֶר ב
אֶל־הַר סִינַי וְנִצַּבְתָּ לִי שָׁם עַל־רֹאשׁ הָהָר׃ וְאִישׁ לֹא־ ג
יַעֲלֶה עִמָּךְ וְגַם־אִישׁ אַל־יֵרָא בְּכָל־הָהָר גַּם־הַצֹּאן וְהַבָּקָר
אַל־יִרְעוּ אֶל־מוּל הָהָר הַהוּא׃ וַיִּפְסֹל שְׁנֵי־לֻחֹת אֲבָנִים ד
כָּרִאשֹׁנִים וַיַּשְׁכֵּם מֹשֶׁה בַבֹּקֶר וַיַּעַל אֶל־הַר סִינַי כַּאֲשֶׁר
צִוָּה יְהוָה אֹתוֹ וַיִּקַּח בְּיָדוֹ שְׁנֵי לֻחֹת אֲבָנִים׃ וַיֵּרֶד יְהוָה ה
בֶּעָנָן וַיִּתְיַצֵּב עִמּוֹ שָׁם וַיִּקְרָא בְשֵׁם יְהוָה׃ וַיַּעֲבֹר יְהוָה ׀ ו
עַל־פָּנָיו וַיִּקְרָא יְהוָה ׀ יְהוָה אֵל רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם
וְרַב־חֶסֶד וֶאֱמֶת׃ נֹצֵר חֶסֶד לָאֲלָפִים נֹשֵׂא עָוֺן וָפֶשַׁע ז
וְחַטָּאָה וְנַקֵּה לֹא יְנַקֶּה פֹּקֵד ׀ עֲוֺן אָבוֹת עַל־בָּנִים וְעַל־
בְּנֵי בָנִים עַל־שִׁלֵּשִׁים וְעַל־רִבֵּעִים׃ וַיְמַהֵר מֹשֶׁה וַיִּקֹּד ח
אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ׃ וַיֹּאמֶר אִם־נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אֲדֹנָי ט
יֵלֶךְ־נָא אֲדֹנָי בְּקִרְבֵּנוּ כִּי עַם־קְשֵׁה־עֹרֶף הוּא וְסָלַחְתָּ
לַעֲוֺנֵנוּ וּלְחַטָּאתֵנוּ וּנְחַלְתָּנוּ׃ וַיֹּאמֶר הִנֵּה אָנֹכִי כֹּרֵת ששי
בְּרִית נֶגֶד כָּל־עַמְּךָ אֶעֱשֶׂה נִפְלָאֹת אֲשֶׁר לֹא־נִבְרְאוּ בְכָל־
הָאָרֶץ וּבְכָל־הַגּוֹיִם וְרָאָה כָל־הָעָם אֲשֶׁר־אַתָּה בְקִרְבּוֹ
אֶת־מַעֲשֵׂה יְהוָה כִּי־נוֹרָא הוּא אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה עִמָּךְ׃
שְׁמָר־לְךָ אֵת אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם הִנְנִי גֹרֵשׁ מִפָּנֶיךָ יא
אֶת־הָאֱמֹרִי וְהַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי וְהַפְּרִזִּי וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי׃
הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן־תִּכְרֹת בְּרִית לְיוֹשֵׁב הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה בָּא יב
עָלֶיהָ פֶּן־יִהְיֶה לְמוֹקֵשׁ בְּקִרְבֶּךָ׃ כִּי אֶת־מִזְבְּחֹתָם תִּתֹּצוּן יג
וְאֶת־מַצֵּבֹתָם תְּשַׁבֵּרוּן וְאֶת־אֲשֵׁרָיו תִּכְרֹתוּן׃ כִּי לֹא יד

ז׳ סן רבתי

און איך וועל אַרויפדעקן מיין האַנט אויף דיר, ביז איך וועל פאַרבייגיין. 23 און אַז איך וועל אָפּטאָן מיין האַנט, וועסטו זען מיין רוקן; אָבער מיין פּנים קען ניט געזען ווערן.

לד 1 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: האַק דיר אויס צוויי שטיינערנע לוחות אַזוי ווי די ערשטע, און איך וועל אויפשרייבן אויף די לוחות די ווערטער וואָס זיינען געווען אויף די ערשטע לוחות, וואָס דו האָסט צעבראָכן. 2 און זיי אָנגעברייט אין דער פרי, און גיי אַרויף אין דער פרי אויפן באַרג סיני, און שטעל זיך פאַר מיר דאָרטן אויפן שפּיץ באַרג. 3 און קיין מענטש זאָל ניט אַרויפגיין מיט דיר, און קיין מענטש זאָל אויך ניט געזען ווערן אויפן גאַנצן באַרג; אַפילו די שאָף און די רינדער זאָלן זיך ניט פּיטערן אַקעגן יענעם באַרג.

4 האָט ער אויסגעהאַקט צוויי שטיינערנע לוחות אַזוי ווי די ערשטע; און משה האָט זיך געפעדערט אין דער פרי, און איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג סיני, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן, און ער האָט גענומען אין זיין האַנט די צוויי שטיינערנע לוחות. 5 און יהוה האָט אַראָפּגענידערט אין דעם וואָלקן; און ער האָט זיך געשטעלט מיט אים דאָרטן; און ער האָט גערופן דעם נאָמען יהוה. 6 און יהוה איז פאַרביגעגאַנגען פאַר זיין פּנים, און האָט אויסגערופן: יהוה, יהוה איז אַ דערבאַרימדיקער און לייטזעליקער גאָט, איינגעהאַלטן אין צאָרן, און רייך אין גענאָד און טריישאַפט; 7 ער האַלט גענאָד ביזן טויזנטסטן גליד, ער פאַרטראָגט זינד און פאַרברעכן און חטאים, נאָר שענקען שענקט ער ניט; ער רעכנט זיך פאַר די זינד פון די פאָטערס, מיט די קינדער, און מיט די קינדסקינדער, מיטן דריטן און מיטן פירטן דור.

8 האָט משה זיך גענייגט אויף גיך צו דער ערד, און זיך געבוקט. 9 און ער האָט געזאָגט: אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, גאָט, זאָל, איך בעט דיך, גאָט גיין צווישן אונדז, וואָרום אַ האַרטנעקיק פאָלק איז דאָס; און זאָלסט פאַרגעבן אונדזער זינד און אונדזער חטא, און אונדז מאַכן פאַר דיין אַרב.

10 האָט ער געזאָגט: זע, איך שליס אַ בונד; אַנטקעגן פאַר דיין גאַנצן פאָלק וועל איך טאָן וואונדער וואָס זיינען ניט באַשאַפן געוואָרן אויף דער גאַנצער ערד, און צווישן אַלע אומות; און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס דו ביסט צווישן אים, וועט זען די טואונג פון גאָט וואָס איך טו מיט דיר, אַז זי איז פאַרכטיק. 11 היט דיר וואָס איך באַפעל דיר היינט; זע, איך פאַרטרייב פון פאַר דיר דעם אֶמורי, און דעם כּנעני, און דעם חתּי, און דעם פּרזי, און דעם חִוי, און דעם יבוסי. 12 היט זיך, זאָלסט ניט שליסן אַ בונד דעם באַוואוינער פון דעם לאַנד וואָס דו קומסט דערויף, כּדי ער זאָל ניט זיין פאַר אַ שטרויכלונג צווישן דיר. 13 נייערט זייערע מזבחות זאָלט איר צעשטויסן, און זייערע זיילשטיינער זאָלט איר צעברעכן, און זייערע געצנביימער זאָלט איר אָפּהאַקן. 14 וואָרום

תִשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל אַחֵר כִּי יְהוָה קַנָּא שְׁמוֹ אֵל קַנָּא הוּא׃
טו פֶּן־תִּכְרֹת בְּרִית לְיוֹשֵׁב הָאָרֶץ וְזָנוּ ׀ אַחֲרֵי אֱלֹהֵיהֶם
טז וְזָבְחוּ לֵאלֹהֵיהֶם וְקָרָא לְךָ וְאָכַלְתָּ מִזִּבְחוֹ׃ וְלָקַחְתָּ
מִבְּנֹתָיו לְבָנֶיךָ וְזָנוּ בְנֹתָיו אַחֲרֵי אֱלֹהֵיהֶן וְהִזְנוּ אֶת־
יז יח בָּנֶיךָ אַחֲרֵי אֱלֹהֵיהֶן׃ אֱלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשֶׂה־לָּךְ׃ אֶת־
חַג הַמַּצּוֹת תִּשְׁמֹר שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצּוֹת אֲשֶׁר צִוִּיתִךָ
לְמוֹעֵד חֹדֶשׁ הָאָבִיב כִּי בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב יָצָאתָ מִמִּצְרָיִם׃
יט כָּל־פֶּטֶר רֶחֶם לִי וְכָל־מִקְנְךָ תִּזָּכָר פֶּטֶר שׁוֹר וָשֶׂה׃
כ וּפֶטֶר חֲמוֹר תִּפְדֶּה בְשֶׂה וְאִם־לֹא תִפְדֶּה וַעֲרַפְתּוֹ כֹּל
כא בְּכוֹר בָּנֶיךָ תִּפְדֶּה וְלֹא־יֵרָאוּ פָנַי רֵיקָם׃ שֵׁשֶׁת יָמִים
תַּעֲבֹד וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תִּשְׁבֹּת בֶּחָרִישׁ וּבַקָּצִיר תִּשְׁבֹּת׃
כב וְחַג שָׁבֻעֹת תַּעֲשֶׂה לְךָ בִּכּוּרֵי קְצִיר חִטִּים וְחַג הָאָסִיף
כג תְּקוּפַת הַשָּׁנָה׃ שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה כָּל־זְכוּרְךָ
כד אֶת־פְּנֵי הָאָדֹן ׀ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ כִּי־אוֹרִישׁ גּוֹיִם
מִפָּנֶיךָ וְהִרְחַבְתִּי אֶת־גְּבֻלֶךָ וְלֹא־יַחְמֹד אִישׁ אֶת־אַרְצְךָ
בַּעֲלֹתְךָ לֵרָאוֹת אֶת־פְּנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה׃
כה לֹא־תִשְׁחַט עַל־חָמֵץ דַּם־זִבְחִי וְלֹא־יָלִין לַבֹּקֶר זֶבַח חַג
כו הַפָּסַח׃ רֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ תָּבִיא בֵּית יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
לֹא־תְבַשֵּׁל גְּדִי בַּחֲלֵב אִמּוֹ׃ פ
שב׳ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה כְּתָב־לְךָ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה כִּי
עַל־פִּי ׀ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה כָּרַתִּי אִתְּךָ בְּרִית וְאֶת־יִשְׂרָאֵל׃
כח וַיְהִי־שָׁם עִם־יְהוָה אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לַיְלָה לֶחֶם
לֹא אָכַל וּמַיִם לֹא שָׁתָה וַיִּכְתֹּב עַל־הַלֻּחֹת אֵת דִּבְרֵי
כט הַבְּרִית עֲשֶׂרֶת הַדְּבָרִים׃ וַיְהִי בְּרֶדֶת מֹשֶׁה מֵהַר סִינַי
וּשְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת בְּיַד־מֹשֶׁה בְּרִדְתּוֹ מִן־הָהָר וּמֹשֶׁה לֹא־
ל יָדַע כִּי קָרַן עוֹר פָּנָיו בְּדַבְּרוֹ אִתּוֹ׃ וַיַּרְא אַהֲרֹן וְכָל־בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל אֶת־מֹשֶׁה וְהִנֵּה קָרַן עוֹר פָּנָיו וַיִּירְאוּ מִגֶּשֶׁת

יד׳ ר׳ רבתי   יט׳ קמץ בז״ק

טאָרסט זיך ניט בוקן צו אַן אַנדער גאָט, ווייל יהוה—זיין נאָמען איז צערענער, אַ צערנדיקער גאָט איז ער.
15 טאָמער וועסטו שליסן אַ בונד די באַוווינער פון לאַנד, און זיי וועלן זיין פאַרפירט נאָך זייערע געטער, און שלאַכטן צו זייערע געטער, וועלן זיי דיך רופן, און וועסט עסן פון זייער שלאַכטאָפּפער; 16 און וועסט נעמען פון זייערע טעכטער פאַר דיינע זין, און זייערע טעכטער וועלן זיין פאַרפירט נאָך זייערע געטער, און וועלן פאַרפירן דיינע זין נאָך זייערע געטער. 17 קיין געגאָסענע געטער זאָלסטו דיר ניט מאַכן.

18 דעם יום־טוב פון מצות זאָלסטו היטן: זיבן טעג זאָלסטו עסן מצות, אַזוי ווי איך האָב דיר באַפוילן, אין דער געשטעלטער צייט אין חודש אָביב, וואָרום אין חודש אָביב ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם.

19 איטלעכס וואָס עפנט דעם טראַכט געהערט צו מיר; און פון אַל דיין פי זאָלסטו הייליקן דעם זָכר, דעם ערשטלינג פון אָקס און שעפּס. 20 און דעם ערשטלינג פון אַן אייזל זאָלסטו אויסלייזן מיט אַ שעפּס; און אויב דו וועסט ניט אויסלייזן, זאָלסטו אים אָפּהאַקן דאָס געניק. יעטוועדער בכור פון דיינע זין זאָלסטו אויסלייזן.

און מע זאָל זיך ניט ווייזן פאַר מיר מיט ליידיקן.

21 זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען; [אַפילו] אין אַקערצייט און אין שניט־צייט זאָלסטו רוען.

22 און דעם יום־טוב פון שבועות זאָלסטו דיר מאַכן, ביי די ערשטצייטיקע פון ווייצשניט; און דעם יום־טוב פון איינזאַמלונג ביים אומדריי פון יאָר.

23 דריי מאָל אין יאָר זאָלן אַלע דיינע מאַנספּאַרשוינען זיך ווייזן פאַר דעם האַר יהוה, דעם גאָט פון ישׂראל. 24 וואָרום איך וועל פאַריאָגן די פעלקער פון פאַר דיר, און וועל דערברייטערן דיין געמאַרק; און קיינער וועט ניט גלוסטן דיין לאַנד, ווען דו גייסט אַרויף זיך ווייזן פאַר יהוה דיין גאָט דריי מאָל אין יאָר.

25 זאָלסט ניט מקריב זיין מיט געזייערטן ברויט דאָס בלוט פון מיין שלאַכטאָפּפער, און דאָס שלאַכטאָפּפער פון דעם יום־טוב פון פסח זאָל ניט איבערנעכטיקן ביז אין דער פרי.

26 די ערשטע פריצייטיקע פון דיין ערד זאָלסטו ברענגען אין הויז פון יהוה דיין גאָט.

זאָלסט ניט קאָכן אַ ציקעלע אין זיין מוטערס מילך.

27 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: שרייב דיר אויף דידאָזיקע ווערטער, וואָרום לויט דידאָזיקע ווערטער האָב איך געשלאָסן אַ בונד מיט דיר און מיט ישׂראל. 28 און ער איז דאָרטן געווען מיט גאָט פערציק טעג און פערציק נעכט; קיין ברויט האָט ער ניט געגעסן, און קיין וואַסער האָט ער ניט געטרונקען. און ער האָט אויפגעשריבן אויף די לוחות די ווערטער פון דעם בונד, די צען געבאָט.

29 און עס איז געווען, אַז משה האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג סיני—און די צוויי לוחות פון געזעץ זיינען געווען אין משהס האַנט, ווען ער האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג—האָט משה ניט געוווּסט, אַז די הויט פון זיין פנים האָט געשטראַלט פון זיין רעדן מיט אים. 30 און אַהרן און אַלע קינדער פון ישׂראל האָבן געזען משהן, ערשט די הויט פון זיין פנים שטראַלט, און זיי האָבן מורא געהאַט צו גענענען צו

אֵלָיו׃ וַיִּקְרָא אֲלֵהֶם מֹשֶׁה וַיָּשֻׁבוּ אֵלָיו אַהֲרֹן וְכָל־ לא
הַנְּשִׂאִים בָּעֵדָה וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֲלֵהֶם׃ וְאַחֲרֵי־כֵן נִגְּשׁוּ כָּל־ לב
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיְצַוֵּם אֵת כָּל־אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אִתּוֹ בְּהַר
סִינָי׃ וַיְכַל מֹשֶׁה מִדַּבֵּר אִתָּם וַיִּתֵּן עַל־פָּנָיו מַסְוֶה׃ וּבְבֹא מפ׳ לד
מֹשֶׁה לִפְנֵי יְהוָה לְדַבֵּר אִתּוֹ יָסִיר אֶת־הַמַּסְוֶה עַד־צֵאתוֹ
וְיָצָא וְדִבֶּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵת אֲשֶׁר יְצֻוֶּה׃ וְרָאוּ בְנֵי־ לה
יִשְׂרָאֵל אֶת־פְּנֵי מֹשֶׁה כִּי קָרַן עוֹר פְּנֵי מֹשֶׁה וְהֵשִׁיב מֹשֶׁה
אֶת־הַמַּסְוֶה עַל־פָּנָיו עַד־בֹּאוֹ לְדַבֵּר אִתּוֹ׃ ס

אים. [31] האָט זיי משה צוגערופן, און אַהרן, און אַלע פירשטן פון דער עדה האָבן זיך אומגעקערט צו אים, און משה האָט צו זיי גערעדט. [32] און דערנאָך האָבן גענענט אַלע קינדער פון ישׂראל, און ער האָט זיי באַפוילן אַלץ וואָס גאָט האָט מיט אים גערעדט אויפן באַרג סיני.

[33] און ווי משה האָט געענדיקט רעדן מיט זיי, האָט ער אָנגעטאָן אויף זיין פנים אַ צודעק. [34] און אַז משה איז געקומען פאַר גאָט צו רעדן מיט אים, פלעגט ער אָפּטאָן דעם צודעק ביז זיין אַרויסגיין; און ער פלעגט אַרויסגיין און רעדן צו די קינדער פון ישׂראל דאָס וואָס ער איז באַפוילן געוואָרן. [35] און די קינדער פון ישׂראל פלעגן זען דעם פנים פון משהן, אַז די הויט פון משהס פנים שטראַלט; און משה פלעגט ווידער אָנטאָן דעם צודעק אויף זיין פנים, ביז ער איז אַריינגעגאַנגען צו רעדן מיט אים.

# ויקהל

לה

וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת־כָּל־עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם א
אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה לַעֲשֹׂת אֹתָם׃ שֵׁשֶׁת יָמִים ב
תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת
שַׁבָּתוֹן לַיהוָה כָּל־הָעֹשֶׂה בוֹ מְלָאכָה יוּמָת׃ לֹא־תְבַעֲרוּ ג
אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת׃ פ
וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר ד
אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה לֵאמֹר׃ קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה לַיהוָה כֹּל ה
נְדִיב לִבּוֹ יְבִיאֶהָ אֵת תְּרוּמַת יְהוָה זָהָב וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת׃
וּתְכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ וְעִזִּים׃ וְעֹרֹת אֵילִם ו ז
מְאָדָּמִים וְעֹרֹת תְּחָשִׁים וַעֲצֵי שִׁטִּים׃ וְשֶׁמֶן לַמָּאוֹר ח
וּבְשָׂמִים לְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְלִקְטֹרֶת הַסַּמִּים׃ וְאַבְנֵי־שֹׁהַם ט
וְאַבְנֵי מִלֻּאִים לָאֵפוֹד וְלַחֹשֶׁן׃ וְכָל־חֲכַם־לֵב בָּכֶם יָבֹאוּ י
וְיַעֲשׂוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה׃ אֶת־הַמִּשְׁכָּן אֶת־אָהֳלוֹ יא
וְאֶת־מִכְסֵהוּ אֶת־קְרָסָיו וְאֶת־קְרָשָׁיו אֶת־בְּרִיחָו אֶת־עַמֻּדָיו
וְאֶת־אֲדָנָיו׃ אֶת־הָאָרֹן וְאֶת־בַּדָּיו אֶת־הַכַּפֹּרֶת וְאֵת פָּרֹכֶת יב
הַמָּסָךְ׃ אֶת־הַשֻּׁלְחָן וְאֶת־בַּדָּיו וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְאֵת לֶחֶם יג
הַפָּנִים׃ וְאֶת־מְנֹרַת הַמָּאוֹר וְאֶת־כֵּלֶיהָ וְאֶת־נֵרֹתֶיהָ וְאֵת יד

לה, יא׳ בריחיו ק

לה [1] און משה האָט אײַנגעזאַמלט די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישׂראל, און האָט צו זיי געזאָגט: דאָס זיינען די ווערטער וואָס גאָט האָט באַפוילן זיי צו טאָן: [2] זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַרבעט, אָבער אויפן זיבעטן טאָג זאָל אײַך זיין הייליק, אַ שבת פון רואונג צו גאָט; איטלעכער וואָס טוט אין אים אַן אַרבעט, זאָל גע־טייט ווערן. [3] איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אײַערע וווינערטער אין טאָג פון שבת.

[4] און משה האָט געזאָגט צו דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: דאָס איז די זאַך וואָס גאָט האָט באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: [5] נעמט אײַך אַן אָפּשיידונג צו גאָט, איטלעכער וואָס זיין האַרץ איז ווילִיק זאָל זי ברענגען, די אָפּשיידונג פון גאָט, גאָלד, און זילבער, און קופּער; [6] און בלאָע וואָל, און פּורפּל, און ווערמיל־רויט, און ליינען און ציגנהאָר; [7] און רויטגעפאַרבטע ווידערפעלן, און תּחש־פעלן, און שיטים־האָלץ; [8] און אייל פאַר דער לייכטונג, און בשׂמים פאַר דעם אייל פון זאַלבונג, און פאַר דעם ווײַרויך פון שמעקעדיקע געווירצן; [9] און אָניקלשטיינער, און שטיינער צום אײַנפאַסן, פאַרן אַפוד און פאַרן חושן. [10] און אַלע קלוגהאַרציקע צווישן אײַך זאָלן קומען און מאַכן אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן: [11] דעם משכן, זיין געצעלט, און זיין צודעק, זיינע האָקן, און זיינע ברעטער, זיינע ריגלען, זיינע זיילן, און זיינע שוועלן; [12] דעם אָרון און זיינע שטאַנגען, דעם דעק און דעם פּרוֹכת פון צווישנשייד; [13] דעם טיש און זיינע שטאַנגען, און אַלע זיינע כלים, און דאָס ברויט פון אָנגעזיכט; [14] און די מנורה פאַר לייכטונג, און אירע כלים, און אירע רערלעך, און דאָס